שנה ג'
נומער קט"ז
**פרשת ויקהל**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל



# פורים קטן שפיל

## אין תלמוד תורה קרית ברסלב ליבערטי



דער ראש ישיבה לערנט מיט די חתנים פון ישיבה - ה' כי תשא תשפ"ב

**בילדער אפטיילונג:**
פורים שפיל אין שטעטל חדר

**הפצה ווינקל:**
וואס איין בלעטל טוט אויף

**א שיחה פון דער ראש ישיבה שליט"א:**
איך קען טון די זעלבע וואס דער צדיק טוט

קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע
**מרדכי אינדיג**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע ברויו אדער הגהות רופט:**
845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


# בריוו
צו די רעדאקציע

## א סעודה מיט'ן ראש ישיבה קאלום

לכבוד מערכת קרית ברסלב בלעטל.

איך קוק ארויס א גאנצע וואך אויף דעם הערליכן בלעטל, איך באקום עס דאנערשטאג נאכט און איך ליין עס אדורך אויף איינמאל, בפרט דער שבת טיש מיט'ן ראש ישיבה.

איך ליין עס יעדע וואך ביי די סעודה, און יעדע וואך זעה איך דארט געשריבן הערליכע זאכן וויאזוי זיך צו פירן, א שטיקל בחינה פון גדולה שמושה של תורה יותר מלימודה, מ'זעהט אין דעם סעודה א לעבעדיגע דרשה וויאזוי מען דארף זיך פירן.

פארגאנגענעם וואך האב איך באקומען דעם בלעטל, און גלייך האב איך געזוכט "א סעודה מיט'ן ראש ישיבה" אבער ס'איז נישט געווען.

איך ווייס נישט פונקטליך פארוואס ס'איז נישט אריינגעגאנגען, אבער איך וויל זייער בעטן מ'זאל צריק לייגן דעם קאלום אינעם בלעטל, ווייל פאר מיר איז דאס די עיקר פונעם גאנצן בלעטל, דאס ווייזט מיר דעם וועג וויאזוי זיך צו פירן, און צו נעמען די דרשות אויף לעובדה ולמעשה.

ישר כח.

אייזיק ראטה וויליאמסבורג

רעדאקציע: יישר כח פאר'ן לאזן וויסן, בעזרת השם האפן מיר ווייטער צו האבן דעם קאלום יעדן וואך, אדרבה בעט דעם אייבערשטן אז עס זאל קענען אריינגיין יעדע וואך, און עס זאל נישט זיין קיין שטערונגען אויף דעם.

# זמנים
Liberty

**פרשת ויקהל כ"ה אדר א' תשפ"ב**

**הדלקת הנרות.........05:26**
**מוצאי שבת ............06:57**
**מנחה מעריב פקודי. 06:40**

| | | |
|---|---|---|
| Fri 25 | 43°/25° | Rain |
| Sat 26 | 35°/27° | Mostly Sunny |
| Sun 27 | 39°/30° | Partly Cloudy |
| Mon 28 | 35°/21° | Partly Cloudy |
| Tue 01 | 33°/26° | Partly Cloudy |
| Wed 02 | 41°/31° | Partly Cloudy |
| Thu 03 | 43°/31° | Partly Cloudy |
| Fri 04 | 45°/33° | Mostly Sunny |

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה ישראל סאמעט הי"ו**
**וזוגתו מלכה תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב נ"י**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און אלע קינדער.

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה דוד ראבינאוויטש הי"ו**
**וזוגתו חי' גיטל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל.

# שטעטל נייעס

## עסן פאר קימפעטארנס



איינע פון די גאר שיינע זאכן וואס די שטעטל האט, איז די חסד וואס קומט פאר אין אלע הינזיכטן. ספעציעל דאס וואס מען העלפט ארויס די קימפעטארנס מיט ווארעמע נאכטמאלן.

אנגעהויבן האט זיך עס ווען די שטעטל איז נאך געווען קלענער, דעמאלטס האט שוין דער ראש ישיבה געשטעלט משפחת מענדלאוויטש זיי זאלן זעהן צושטעלן נארהאפטיגע פרישע נאכטמאל פאר די משפחות וואס דארפן עס האבן גאר וויכטיג, אבער קענען נישט יעצט קאכן צוליב די שמחה אין שטוב.

ברוך השם די שטעטל ווערט גרעסער און גרעסער קע"ה, און מיט דעם ווערן די שמחות אויך מער ברוך השם, עס פעלט זיך אויס אסאך מער ארבעט, און מער מענטשן דארפן קאכן נאכטמאל, עס איז געקומען צו א מצב, וואס מען האט זיך געטראפן נאכלויפן יעדן טאג די משפחות זיי זאלן מאכן נאכטמאל פאר די משפחות וואס דארפן עס האבן, עס איז געווארן שווערער און שווערער די ארבעט.

כדי דאס צו פארגרינגערן האט מען אויסגעארבעט א נייע מהלך אינעם גאנצן פראיעקט, אלע וואס זענען גרייט צו מאכן נאכטמאל וועלן זיך איינשרייבן ביי משפחת מענדלאוויטש, מען וועט גיין אין א רייע, און יעדע שטיק צייט וועט מען אנרופן זאגן אז יעצט איז געקומען אייער רייע צו צושטעלן נאכטמאל, אזוי אז נישט יעדן טאג זאל מען באקומען א רוף צו בעטן און נאכלויפן אויב ס'איז מעגליך היינט צו מאכן נאכטמאל.

מתן שכרה בצדה, די אלע וואס שרייבן זיך איין וועלן אריינגיין אין א גורל ביי די 'באמבלינא' בעיבי סטאר אין שטעטל, די דעדליין אריינצוגיין אין גורל איז ביז קומענדיגע וואך דינסטאג ויקהל.

דער אייבערשטער זאל באצאלן אלעס גוטס פאר אלע וואס העלפן ארויס מיט דעם פראיעקט.

## גרויסע חלוקה אין שטעטל דורכ'ן בית התבשיל מיט די צוזאמען-ארבעט פון רבי ישעי'לעס קאך פון וויליאמסבורג




פארגאנגענעם זונטאג איז פארגעקומען א גרויסע חלוקה אין שטעטל קרית ברסלב ליבערטי אויף גאר אסאך שפייז פראדוקטן פון וואס פילע איינוואוינער אינעם שטעטל האבן נהנה געווען, צווישן די זאכן זענען געווען, פלייש, אייער, מזונות, פרוכט, גרינצייג, ברויט, מעל, סיריעל, טרינקען, מילכיגס, נאש און נאך פילע זאכן.

די גרויסע חלוקה איז צושטאנד געקומען בס"ד מיט די הילף פון די בארימטע "רבי ישעי'לעס קאך" פון וויליאמסבורג וואס ווערט געפירט דורכן איש החסד ר' שמעון פאזען הי"ו, אזוי אויך מיט די הילף פון ר' חיים יודא שווארץ הי"ו, צוזאמען מיט אונזער חבר ר' ליפא שווארץ הי"ו, וואס קומען כסדר צו הילף פארן בית התבשיל אין שטעטל און געבן זיך אוועק בלב ונפש מיט אלעם וואס מעגליך צו פארשאפן זאכן צו קענען טיילן ביי די חלוקות אין קרית ברסלב.

עקסטער פון דעם גייט אן וועכנטליך דער פראיעקט פונעם בית התבשיל פון "צאלן גראסערי ארדערס" פאר נויטבאדערפטיגע משפחות פון אנשי שלומינו. דער ראש ישיבה שליט"א טיילט אויס דאס געלט אין די אקאונטס פון די משפחות וואס דארפן דאס האבן, און דאס ציט ארייין אין הוצאות פון איבער צוויי טויזנט דאלער יעדע וואך. דאס געלט קומט נישט פון קיין גרויסע עשירים און נדבנים, נאר ווערט אויפגעטריבן פון קליינע נדבות פון אנשי שלומינו וואס רופן זיך כסדר אן ווארעם צו די אפיעלס פונעם איבערגעגעבענעם מנהל ר' שלמה יאקאבאוויטש הי"ו, און אזוי ווערט שטילערהייט צוגעשטעלט אלע גראסערי געברויכן פאר צענדליגע משפחות וועכנטליך בדרך כבוד.

צו נעמען א חלק אין די הייליגע ארבעט פונעם בית התבשיל, קען מען זיך אלץ ווענדן צו מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו אויף 845-637-5667.

# היכל הקודש
# נייעס

**וויליאמסבורג**

## סיום הונדערט און איין מאל משניות




דעם פארגאנגענעם וואך פרייטאג צו נאכטס ביי די באטע ביים ראש ישיבה אינדערהיים איז פארגעקומען א סיום פון מאה פעמים ואחד, הונדערט און איין מאל ששה סדרי משנה. ר' משה ארי' שניצלער האט זוכה געווען במשך פינף און צוואנציג יאר צו מסיים זיין הונדערט און איין מאל ששה סדרי משנה.

דער ראש ישיבה האט געזאגט, אינטערעסאנט, אינעם היינטיגן בלאט גמרא, מסכת חגיגה דף ט', זאגן חכמינו זכרונם לברכה (עמוד ב): "אֵינוֹ דּוֹמֶה שׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים", עס איז נישט גלייך דאס גרויסקייט פון דער וואס לערנט א פרק הונדערט מאל, "לְשׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָת", צו דער וואס לערנט א פרק הונדערט און איין מאל; אינטערעסאנט אז דער סיום איז פונקט דעם היינטיגן טאג.

משה ארי' האט דערציילט: "עס איז געווען דעם ערשטן זומער ווען די ישיבה האט זיך געעפנט, זומער שנת תשס"ט, - בין איך געווען אין קעמפ, איך האב געהאט דארט א באנגעלאו. איך האב געלערנט מיינע שיעורים טור מיט לבוש, דער ראש ישיבה האט מיך געפרעגט 'האסט שוין היינט געלערנט ח"י פרקים משניות?' נאכן ענטפערן 'ניין' האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט 'לערן ח"י פרקים משניות, נאכדעם זאלסטו לערנען דיינע אנדערע שיעורים'; דאס האט מיר געגעבן דעם שטופ צו לערנען פלייסיג משניות".

עס איז געווען זייער פרייליך. איינע פון די באטייליגטע געבן איבער, ער האט אלץ געוויסט אז משה ארי' איז רייך, ער האט אבער נישט געוויסט אז ער איז אזוי רייך; ער האט הונדערט און איין ביליאנען! נאר דער וואס לערנט תורה איז רייך, נאר דאס בלייבט פונעם מענטש.

מוהרא"ש פלעגט זיך בארומען: "וועו מען זעט איינעם מיט א משניות זאגט מען גלייך אויף אים 'ער באלאנגט ביי היכל הקודש'"; דאס זעט מען אלץ ביי משה ארי', וואו ער גייט, וואו ער שטייט - האלט ער מיט זיך א קליינע משניות, דאס איז א סימן פון א ריכטיגער תלמיד היכל הקודש.

**מאנסי**

## עצתו אמונה פארברענג צוזאמען מיט א כולל מסיבה - אין שטאט מאנסי



פאריגע וואך דינסטאג כ' תשא איז פארגעקומען א שיינע "עצתו אמונה פארברענג" אין מאנסי אין שטוב פון מו"ה זושא פריעדמאן הי"ו, ווי אנשי שלומינו פון די גאנצע אומגעגענט זענען געקומען און פארברענגט בשבת אחים און האבן געשמועסט מעשיות פון תפלה, מעשיות פון הפצה, מען האט זיך מחזק געווען מיט די עצות פון רבין און מיט די ווערטער פונעם ראש ישיבה וויאזוי מען קען זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד.

ר' שאול גאנץ הי"ו האט פארציילט גאר אינטערעסאנטע מעשיות פון תפלה, לכבוד חודש אדר האט מען געהערט אביסל דברי' בדחנות און וויצן, עס איז געווען ברוך השם צו שמייכלען און צו לאכן.

דערנאך האט מען געווידמעט די לעצטע פופצן מינוט צו רעדן אביסל פון די חשיבות פונעם ברסלב'ן כולל, ווי אינגעלייט וואס זענען מקיים דעם "ישא אשה ואחר כך ילמד תורה", זיצן באהלה של תורה מיט א ריינעם מח, לערנען פלייסיג און זענען זיך משלים אין אלע מקצוועות התורה.

אנשי שלומינו האבן זיך זייער ווארעם אנגערופן. דער עולם האט ארויסגעברענגט זייער באגער צו מאכן א מסיבה פאר'ן כולל צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, ברוך השם אז פארגאנגענעם מאנטאג ויקהל איז דער ראש ישיבה געקומען אין מאנסי, מער א לענגערע באריכט קומענדיגע וואך אי"ה.

# היכל הקודש ניועס

צפת

## חבורת היכל הקודש צפת




גאר א שיין ווינקל געפונט זיך אין שטאט צפת - גליל ארץ ישראל, זיצן דארט א חבורה אינגעלייט און בחורים און מען רעדט פונעם אייבערשטן מיטן גאנצן ברען און פייער, מען זיצט און מען לערנט שיעורים כסדרן אזוי ווי דער הייליגער רבי' האט אונז געלערנט, ס'איז א מחי'.

דאס האט זיך אנגעהויבן א צייט צוריק, ווען אפאר אינגעלייט האבן אנגעהויבן הערן דרשות פונעם ראש ישיבה שליט"א, און עס האט זיך זיי געעפענט א נייע וועלט, זיי זענען געווארן אז מען קען לעבן אויף דער וועלט א געשמאקע לעבן ווי אין גן עדן. ביז איינע פון די חשובע אינגעלייט האבן געקויפט א מאשין צו דרוקן די גליונות היכל הקודש און אריינגעלייגט דעם מאשין אינעם שבת שטוב ביי זיך אינדערהיים, ווען די גליונות ווערט צושפרייט יעדע וואך דורך די חשובע מקורבים, און דורך דעם ווערן נאך מענטשן געוואויר פון די געוואלדיגע עצות און הדרכות אין אלע ענינים.

אזוי צוביסלעך ווערט דורך דעם די חבורה גרעסער און גרעסער, נאך אידן הערן פון דעם לעכטיגקייט וואס געפונט זיך אין שטאט צפת. נאך א שטיק צייט האט מען איינגעזעהן אז ס'איז שוין געקומען די צייט צו עפענען אן אייגענעם בית המדרש היכל הקודש, אזוי וועט מען קענען דאווענען און זיך מחזק זיין אינאיינעם יעדן שבת קודש.

אלע אינגעלייט האבן געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל קענען טרעפן א פלאץ וואס זאל זיין געאייגנט פאר א בית המדרש, און וואונדער איבער וואונדער, ברוך השם שבת פרשת שמות די ערשטע וואך פון שובבי"ם, האט מען זוכה געווען צו טרעפן גאר א גוט פלאץ, וואס איז שוין געווען פארדעם א בית המדרש, און עס האט אין זיך אסאך ספרים, ווי אויך א ספר תורה. דער בעל הבית פונעם בית המדרש האט געזאגט פאר די גבאים אז ער האט זייער ליב ברסלב, במילא איז ער גרייט צו העלפן מיט וואס עס פעלט נאר אויס. ווען די גבאים האבן אים געפרעגט "מיט וואס קענען מיר אייך באצאלן"? האט ער געזאגט "איך דארף גארנישט, נאר איין זאך טוט מיר א טובה, בעטס דעם אייבערשטן איך זאל מצליח זיין אין מיינע וועגן". זינט יענעם שבת פרשת שמות קומט מען זיך צאם יעדן שבת קודש, ווי מען דאוונט צוזאמען געשמאק, נאכן דאווענען גייט מען ארויס אין א פרייליכן טאנץ, מען פריידט זיך אז מען האט די זכי' צו זיין אין אזא הייליגע חבורה וואס מען רעדט שטענדיג פונעם אייבערשטן.

בשעת'ן דאווענען טיילט מען נאש פאר די קינדער וואס דאווענען שיין מיט, אויך טיילט מען קארטלעך וואס האט אויף זיך איין אות פון א שיחה פון רבי'ן אדער ר' נתן און מוהרא"ש, און ווען מען האט אלע אותיות פון די גאנצע מימרא - באקומט מען א ספר פון מוהרא"ש זי"ע. יעצט האט מען געמאכט קארטלעך וואס האט די ווערטער וואס דער הייליגער רבי' האט געזאגט "אני נהר המטהר מכל הכתמים".

שבת אינדערפרי' נאכ'ן דאווענען לערנט מען פאר 'סיפורי מעשיות' אזוי ווי עס איז די מנהג אין היכל הקודש. אויך ביי שלש סעודות איז גאר שיין, מען זינגט צוזאמען זמירות פון שלש סעודות - אזוי ווי דער הייליגער רבי' האט אונז אנגעזאגט אז מען דארף זינגען זמירות שבת, דערנאך זינגט מען א אידישע ניגון אויפצואוועקן דאס הארץ צום אייבערשטן, דערנאך לערנט מען פאר ר' נחמן יאקאבאוויטש הי"ו א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס איז פאסיג פאר די סדרה. מוצאי שבת נאך מעריב לאזט מען זיך ארויס אין פרייליכע טענץ פאר די גאר גרויסע זכי' וואס מען האט אז מען האט געקענט נאך א שבת זוכה זיין צו קומען צום רבי'ן און הערן און פאלגן זיינע עצות.

יעדן זונטאג קומט מען זיך צאם צו הערן א שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א. איין טאג אינמיטן וואך - מיטוואך אדער דאנערשטאג, קומען זיך צאם די אינגעלייט פון שטאט צפת און טבר' אויף איין פלאץ, יעדע וואך ערגעץ אנדערש, אסאך מאל קומט מען זיך צאם ביי א קבר פון א צדיק, מען איז מתפלל דארט, און מען זינגט צוזאמען אידישע ניגונים, דערנאך לאזט מען זיך ארויס אין א טאנץ.

ברוך השם אז עס וואקסט און מערט זיך די מתפללים, פארגאנגענעם וואך שבת איז שוין נישט געווען גענוג פלאץ פאר יעדן צו זיצן, "מען בעט דעם עולם זאל בעטן דעם אייבערשטן מיר זאל טרעפן א גרעסערע בית המדרש"



# מעשיות פון תפילה

## לייבי ראטה - קרית ברסלב:

מיין קאר האט זיך צובראכן, ס'איז נאך געווען אינטער די וואראנטי פון די קאמפאני, האב איך אנגערופן די קאמפאני זיי זאלן עס קומען נעמען פון מיר און פאררעכטן, זיי האבן געזאגט אז זיי וועלן עס קומען נעמען פון מיר און עס פאררעכטן, האב איך זיי געזאגט אז איך דארף האבן א קאר ווי לאנג עס וועט נעמען צו פאררעכטן מיין קאר, האבן זיי געזאגט אז איך זאל גיין צו א דילער פון זייער קאמפאני און זיי וועלן מיר געבן א קאר פאר ביזדערווייל.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל גרינג טרעפן א נאנטע דילער וואס זאל האבן א קאר פאר מיר. געווענטליך אין אזעלכע פעלער געבן די דילערס ארויס אלטע קארס, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן האבן א נייע גוטע באקוועמע קאר. שכח אייבערשטער נאך אפאר טעלעפאון קאלס בין איך אנגעקומען צו א דילער וואס האט מיר געקענט געבן א קאר, איך בין אהינגעגאנגען עס אפנעמען, זאגן זיי מיר אז איך בין צו אינג - מען דארף זיין 25 יאר - איך זאל צוריקקומען מיט אן עלטערער מענטש.

איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל טרעפן איינער וואס זאל זיין גרייט צו קומען מיט מיר, שכח אייבערשטער אז איינער האט מסכים געווען, און די קאר וואס זיי האבן געהאט איז געווען א נייע געשמאקע קאר, איך בין געווען דער ערשטער מענטש צו דרייוון די קאר. שכח אייבערשטער!

## יצחק משה רייך - באראָ פארק:

"שכח אייבערשטער" פאר די זכי' וואס דו האסט מיר געגעבן, אז איך בין געווען אין שטאט יבניאל ביי מוהרא"ש'ס יארצייט, די וועטער האט פאראויס געזאגט שטארק רעגנדיגע און ווינטיגע וועטערס, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל יא זיין שיינע וועטערס, שכח אייבערשטער, ס'איז געווען הערליכע שיינע זוניגע וועטערס די גאנצע צייט וואס איך בין דארט געווען.

## חבורת היכל הקודש - צפת:

יעדע וואך נעמען מיר זיך צוזאם און מיר פארן צו א קבר פון א צדיק. די פארגאנגענע וואך זענען מיר געפארן צום קבר פון אביי ורבא, ברוך השם מיר האבן גוט געקענט בעטן דארט.

בעפארן אהיים פארן האבן מיר געוואלט דאווענען מעריב, אבער מיר זענען נאר געווען אכט מענטשן, האבן מיר אלע געבעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן האבן מנין און מיר זאלן נישט דארפן ווארטן לאנג, שכח אייבערשטער מיטאמאל זענען אנגעקומען נאך צוויי מענטשן אבער זיי האבן זיך זייער געיאגט, האבן מיר נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן מסכים זיין צו ווארטן ביז נאך מעריב. שכח אייבערשטער ווי נאר מיר האבן געענדיגט די תפילות האבן זיי מסכים געווען צו ווארטן און מצרף זיין צום מנין.

## עזרא בוים - קרית ברסלב:

איך האב באקומען א ספידינג טיקעט אויפ'ן וועג, איך האב לייסענס צו פירן א באס - און א טיקעט פאר איינער וואס האט אזא לייסענס קען קאסטן זייער טייער, אפגערעדט די פוינטס איז שטרענגער.

איך האב געפרעגט א לויער וויפיל דער טיקעט וועט מיך אפקאסטן, האט ער מיר געזאגט אז ער וועט מיר רעכענען פיר הונדערט דאלער און די טיקעט אליין וועט קאסטן בערך ניין הונדערט דאלער. איך האב מיך גענומען בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל פטור ווערן פונעם טיקעט און ס'זאל נישט קאסטן קיין סאך.

אפאר טעג נאכדעם באקום איך א בריוו פון די געריכט הויז אז דער ריכטער שלאגט מיר פאר אז ער וועט עס מאכן פאר א פארקינג טיקעט וואס וועט מיך קאסטן אפשר צוויי הונדערט דאלער און אן קיין פוינטס אויף מיין לייסענס! פארשטייט זיך אז איך האב מסכים געווען צום געשעפט און אפגעקומען מיט נישטיגע צוויי הונדערט דאלער. שכח אייבערשטער!

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט״א

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק אַלֶעמָאל.

אִיךְ הָאבּ צוּגֶעגְרֵייט אַ שֵׁיינֶע פּוּרִים מְסִבָּה פַאר דִי תַּלְמִידוֹת. לְמַעֲשֶׂה אָבֶער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי מְסִבָּה הָאט אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַהִינְגֵיין מִיטְהַאלְטְן, וַוייל מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעדַארְפְט אַוֶועקְגֵיין אוּן מַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער הָאבְּן זִיךְ אַלֶע אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאבּ נָאר אִיךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ בְּלַייבְּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אַזוֹיפִיל אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, דָאס הָאט מִיר אָבֶער זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט אָנְצוּגְרֵייטְן דִי מְסִבָּה, אוּן נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ אַלֵיין עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מִיטְהַאלְטְן.

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ אִין אַזַא צַייט? יְיַשֶׁר כֹּחַ.

תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר זֶענְט נִזְהָר אִין דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם; וִויפִּיל מֶען זָאל נָאר טוּן פַאר עֶלְטֶערְן אִיז מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט יוֹצֵא דִי מִצְוָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פֵּאָה א, א): **״אֵלּוּ דְבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּרוֹתֵיהֶם בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לוֹ לָעוֹלָם הַבָּא, וְאֵלּוּ הֵן: כִּבּוּד אָב וָאֵם**״; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט פַאר כִּיבּוּד אָב וָאֵם שְׂכַר נָאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

**אִיךְ בִּין מְקַנֵא אַייעֶר זְכוּת**, אַז אִיר הָאט גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקֵייט צוּ מְוַותֵּר זַיין אוֹיף דִי פּוּרִים מְסִבָּה כְּדֵי צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ח:): **״בַּמִּדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד, בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ**״, וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ, אַזוֹי פִירְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק צוּם מֶענְטְשׁ, אוּן נָאךְ פִיל מֶער בַּיי אַ גוּטֶע זַאךְ.

וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, וָואלְטְן אַלֶע גֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶר קִינְדֶער צוּם רֶבִּי׳ן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: **״וֶוען קֵסָרִין אוּן קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואסֶערֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען צוּ מִיר**״. מֶען זֶעט בְּחוּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט שֵׂכֶל אוּן דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן מִיט מִידוֹת טוֹבוֹת. פוּן אַייעֶר מַעֲשֶׂה אַלֵיינְס קֶענְט אִיר זֶען וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז; אַלֶע אַייעֶרֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן צוּ דַארְפְן הֶעלְפְן וְכוּ׳, נָאר אִיר וָואס אִיר הֶערְט דִי חִיזּוּק אוּן דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי׳ן, הָאט אִיר מְוַותֵּר גֶעוֶוען אוֹיף אַלֶעס אַבִּי צוּ הֶעלְפְן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**



# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט״א

### א מַעֲשֶׂה מְסוּגָל פַאר אַלֶע יְשׁוּעוֹת

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א דֶערְצֵיילְט: עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי הֶערְשׁ לֵייבּ אַלִיקֶער זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, יוּנְגֶערְהֵייט אִיז עֶר גֶעוֶוען נִידְרִיג גֶעוואוּקְסְן. אֵיין נַאכְט זַייעֶנְדִיג אִין בֶּעט הָאט עֶר גֶעהֶערְט וואוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן שְׁמוּעֶסְן צְוִוישְׁן זִיךְ מִיט זָארְג אוּן טְרוֹיעֶר: ״וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּנְזֶער הֶערְשׁ לֵייבּ, וואוּ וֶועלְן מִיר טְרֶעפְן פַאר אִים אַ שִׁידוּךְ, עֶר אִיז דָאךְ אַזוֹי נִידְרִיג, **וֶוער וֶועט זִיךְ וֶועלְן מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִים?**״.

וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ פִירְסְט דָאךְ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דוּ מַאכְסְט דִי בֵּיימֶער זָאלְן וַואקְסְן, צִי אִיז דֶען אַ חִילוּק בַּיי דִיר אַ בּוֹים זָאל וַואקְסְן צִי אַ מֶענְטְשׁ זָאל וַואקְסְן? הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל וַואקְסְן**״. אִינְדֶערְפְרִי הָאט מֶען גֶעזֶען עֶר אִיז גֶעוַואקְסְן מִיט אַ קָאפּ הֶעכֶער!

מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פַאר אִים שִׁידוּכִים, בִּיז עֶר אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ חָתָן גֶעוָוארְן, דֶער מְחוּתָּן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט זַיין נַייעֶם חָתָן, הָאט עֶר אִים גֶעשִׁיקְט אַ שֵׁיינֶעם טֵייעֶרְן גָאלְדֶענֶעם זֵייגֶער, אוּן דֶער צַדִיק הָאט נִישְׁט אַזוֹי אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף זַיינֶע זַאכְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אַרַיינְגֶעטוּן אִין תּוֹרָה תְּפִלָּה, הָאט עֶר פַארְלוֹירְן דֶעם זֵייגֶער.

אֵיין נַאכְט הֶערְט עֶר וואוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן שְׁמוּעֶסְן צְוִוישְׁן זִיךְ: ״וָואס וֶוען זַיין דָא? בַּאלְד וֶועט דֶער מְחוּתָּן גֶעוואוֹיר וֶוערְן אַז אוּנְזֶער הֶערְשׁ לֵייבּ אִיז אַ שְׁלִימַזָל, עֶר הָאט פַארְלוֹירְן דֶעם טֵייעֶרְן זֵייגֶער, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר אָפְּלָאזְן דֶעם שִׁידוּךְ!״ וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אַרוֹיפְגֶעצוֹיגְן דֶעם דֶעק אִיבֶּער זַיין קָאפּ אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן: **״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ בִּיזְט דָאךְ אַזוֹי גְרוֹיס, דוּ מַאכְסְט אַ בּוֹים זָאל וַואקְסְן, דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט אַז אִיךְ זָאל וַואקְסְן, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל טְרֶעפְן דֶעם זֵייגֶער**״, אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן דֶעם זֵייגֶער!

עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי חֲסִידִים אַז **מֶען דֶערְצֵיילְט דֶעם מַעֲשֶׂה אִיז דָאס מְסוּגָל פַאר אַלֶע יְשׁוּעוֹת.** זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א: ״פַארְוָואס אִיז דָאס מְסוּגָל פַאר אַלֶע יְשׁוּעוֹת? וַוייל אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט דֶעם מַעֲשֶׂה גֶעבְּט עֶר זִיךְ אַ כַּאפּ: **׳אִיךְ קֶען דָאךְ טוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וָואס דֶער צַדִיק הָאט גֶעטוּן**, אִיךְ קֶען זִיךְ גֶעבְּן אַ דְרֵיי אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער דוּ מַאכְסְט אַ בּוֹים זָאל וַואקְסְן, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ זָאל וַואקְסְן; דוּ מַאכְסְט אַז אִיךְ זָאל וַואקְסְן, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ זָאל טְרֶעפְן מַיין זֵייגֶער׳״ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וָואס דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף בֶּעט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט יְשׁוּעוֹת!״

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו




# הפצה ווינקל

## בְּרִיוו

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ יוֹם ד׳ פָּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ז שְׁבַט, יוֹמָא דְהִילוּלָא שֶׁל מוֹהֲרָא״שׁ זצוק״ל שְׁנַת תשע״ט לפ״ק**

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז דוּ הָאסְט אִים גֶעשְׁרִיבְּן וִוי שְׁטַארְק דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּה׳ מִיט דִי בְּרִיוְון וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר יֶעדְן טָאג; דוּ הָאסְט מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּה׳ גֶעוֶוען.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דֶער וָואס אִיז מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע דֶער דַארְף נִישְׁט קַיין חִיזּוּק; אָבֶער עֶס אִיז פּוּנְקְט דֶער הֶיפֶּךְ פוּן דֶעם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרֵי פָּרְשַׁת נָשֹׂא, פִּיסְקָא א): **"אֵין מְחַזְּקִים אֶלָּא הַמְחוּזָּקִים"**; זָאגְט אוֹיף דֶעם מוֹהֲרָא״שׁ אַז דָאס מֶערְסְטֶע דַארְף מֶען מְחַזֵּק זַיין דִי וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע, וַוייל **"כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ - יִצְרוֹ גָּדוֹל הֵימֶנּוּ** (סוּכָּה נב.)"; דִי וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אוֹיף זֵיי פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע אַסַאךְ מֶער זֵיי צוּ צֶעבְּרֶעכְן. דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר הַנָּאָה צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּה׳ מִיט דִי בְּרִיוְון.

הַלְוַואי זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי קוּנְטְרֵסִים **"עֲצָתוֹ אֱמוּנָה"** אוּן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַנְדֶערֶע, זָאלְן זִיךְ נָאךְ מֶענְטְשְׁן מְחַיֶּה׳ זַיין אוּן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַארְ׳ן גֶעבְּן דַיינֶע צְדָקוֹת צוּ הֶעלְפְּן דִי יְשִׁיבָה; **דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְּן אַז בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה זָאלְסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן**



## א מעשה פון הפצה

משה ארי׳ שניטצלער - וויליאמסבורג:

איין נאכט בין איך געגאנגען הפצה ביי חתונות, איך גיי פון איין זאל צום צווייטן, איינער גיבט יא צדקה, איינער נישט, איינער נעמט א ספר און איינער נישט, ווי געווענטליך. איך בין געווען אין א קטנות און געטראכט "ווער דארף שוין די ספרים, יעדער קוקט דאך אויס מסודר פונדרויסן". אבער איך ווייס ביי מיר אז איך גיי נאך צדקה פאר א גוטע פלאץ און איך פרוביר זיך מחזק זיין.

ביי איין זאל האט מיר דער אייבערשטער געוואלט געבן א שטופ צו גיין ווייטער, טרעף איך דארט אן עלטערער איד און איך זאג אים "איר האט עפעס צדקה? איך גיי נאך געלט פאר די ברסלב'ע ישיבה."

זאגט ער מיר: "אה, ברסלב! דאס איז גוט."

פארציילט ער מיר "איך וואוין אין די קאלטע מאנטרעאל קאנאדע און איך באקום דעם 'קרית ברסלב בלעטל' יעדע וואך, ס'איז אזא שיינע אויסגאבע, איך בין זיך ממש מחי' דערמיט יעדע וואך, עס איז אנגעפולט מיט אזויפיל שכל און עצות פאר'ן לעבן, פאר אזא פלאץ וואו מען לערנט אזעלכע גוטע עצות אין לעבן, מען רעדט פונעם אייבערשטן שטענדיג - לוינט זיך צו געבן צדקה, דא האט איר צדקה."

האב איך זיך נאכאמאל איבערצייגט אז מענטשן זענען זיך פיין מחי' מיט די גליונות, ספרים און קונטרסים, יעדער גלייכט עפעס אנדערש, מיר דארפן נאר ווייטער ממשיך זיין צו ארום גיין און טיילן די גליונות, קונטרסים פאר נאך מענטשן.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

---

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

email:subscribe@kerenhadfusa.org

קאלל, טעקסט, וואטסעפ: 718.387.2691

# נייעס פון קרן הדפסה

## פישקע דרייוו

קרן הדפסה היכל הקודש פאררופט אין די טעג א מאסיוון "פושקע דרייוו" פאר אלע אנשי שלומינו פון אלע געגנטער.

אזוי ווי אסאך ווילן וויסן וואו מען קען אפגעבן די אנגעפילטע פושקעס וואס מען האט אינדערהיים, אין קאר אדער אין אפיס, אדער וואו מען קען באקומען א נייע פושקע, האט מען לכבוד דעם אויפגענומען גבאים פון קרן הדפסה היכל הקודש פאר אלע געגנטער וואס זיי וועלן זיין גרייט צו נעמען די פושקעס פונעם עולם און עס ברענגען צום בית הדפוס, כדי מען זאל קענען ממשיך זיין דאס דרוקן נאך און נאך ספרים.

די ליסטע פון די גבאים איז ווי פאלגנד:

וויליאמסבורג - ר' אשר יעקב בלום 917-657-4669

בארא פארק - החתן משה בוים 646-328-8483

מאנסי - ר' זושא פריעדמאן 845-213-7325

קרית יואל - ר' יצחק יונה זאבעל 845- 640-1743

קרית ברסלב - ר' אהרן לונגער 347-988-5253

אויב זעט איר נישט אייער געגנט אינעם רשומה און איר זענט גרייט צו זיין די גבאי אין אייער געגנט, ביטע אריין רופן צום אפיס פון קרן הדפסה היכל הקודש, און לאזן וויסן אויב איר זענט גרייט צו צאמנעמען די פושקעס, און מיר וועלן עס מעלדן אם ירצה השם.

יעדע פרוטה וואס מען גיבט וועט ווערן גענוצט צו קענען דרוקן נאך א קונטרס נאך א ספר, וואס דאס וועט מחי' זיין נאך א איד און אים ווייזן די וועג ארויס פון אלע צרות און פראבלעמען, און אים ברענגן צו די גרעסטע מדריגות.

על ידי הפצה ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו

# בילדער פון קרן הדפסה



אלע גליונות היכל הקודש צו באקומען אין ירושלים עיר הקודש



אלע גליונות היכל הקודש צו באקומען אין יבנאל עיר ברסלב




מוהרא"ש זי"ע גיבט צדקה פאר א קינד וואס גייט נאך געלט מיט א פושקע פון קרן הדפסה היכל הקודש

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

**מנחם אראן**
בארא פארק

**מרדכי אהרן היילפרין**
קרית ברסלב

**אהרן הערשקאוויטש**
לינדין

**יצחק יונה זאבעל**
קרית יואל

**יחזקאל שרגא קרויס**
בארא פארק

**יעקב דוב כהן**
קרית יואל

**יוסף פארטוגאל**
וויליאמסבורג

**הרוצה בעולם שמו**
דזערזי סיטי

**מרדכי לייב טירנויער**
קרית יואל

**שאול חיים איינהארן**
סטעטן איילענד

**ישראל הערשקאוויטש**
מאנסי

**משה חיים גרינהויט**
לעיקוואד

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#** | email:**donate@kerenhadfusa.org** | whatsapp: **518.966.2370**



# א מעשה
## פון א צדיק

### פאַרְרֶעכְטְן דִי מִידוֹת

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערֶענְט אוּנְז אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, און פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער גַאנְצֶער כֹּחַ פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס חַזַ"ל זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה, פַּרְשָׁה ד, סִימָן יד): אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת ב, ב'): 'וַתֵּרֶא אוֹתוֹ כִּי טוֹב' עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן נָאר מִיט גוּט. דָאס הֵייסְט וואוּ עֶר הָאט גֶעקוּקְט הָאט עֶר נָאר גֶעטְרָאפְן דֶעם 'גוּטְס' בַּיי יֶעדְן אִיד.

מֶען פַּארְצֵיילְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זַצַ"ל וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם דֶרֶךְ הַמּוּסָר, וָואס דָאס אִיז תִּיקּוּן הַמִּידוֹת, אִין דֶער וֶועלְט. וָואס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט דֶערְצוּ?

נָאר עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין אַ שְׁטָאט אַסַאךְ שׁוּסְטֶערְס, וָואס זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען אָרִימֶעלַייט. און אוּנְז וֵוייס מִיר דָאךְ דֶעם כְּלַל: כָּל אוּמָן שׂוֹנֵא בְּנֵי אוּמְנָתוֹ (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, בְּרֵאשִׁית סִימָן ח').

וַיְהִי הַיּוֹם, און אֵיינֶער פוּן דִי שׁוּסְטֶערְס, הָאט גֶעקוֹיפְט דֶעם לַאטֶערִ"י, און עֶר הָאט דָאס גֶעווּאוּנֶען, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ רִיזִיגֶען פַּארְמֶעגְן, פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ וִויבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר, הָאט עֶר שׁוֹין בַּאקוּמֶען אַ אַנְדֶער פָּנִים און אַ אַנְדֶער מַזָל, און אַלֶע הָאבְּן פַּארְגֶעסְן אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער, און עֶר הָאט גֶעהַאט אַ טָאכְטֶער, הָאט עֶר זִיךְ מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶוען, מִיט אַ גְרוֹיסְן מְפוּרְסָם'דִיגְן רָב.

אִיז אָבֶער גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי שׁוּסְטֶערְס, וָואס הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרִיבֶּערְטְרָאגְן, און דִי קִנְאָה הָאט אִים זֵייעֶר גֶעבְּרֶענְט, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, און עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי חוּפָּה, און אוּנְטֶער דִי חוּפָּה רוּפְט עֶר זִיךְ אָן אַנְטְקֶעגְן יֶעדְן: ר' מֹשֶׁה! דָא הָאסְטוּ אַפָּאר שִׁיךְ, פַּארְרֶעכְט מִיר דִי שִׁיךְ! דֶער מְחוּתָּן, דֶער גְבִיר, הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרִיבֶּערְטְרָאגְן דֶעם בִּזָיוֹן, און עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַ הַארְץ אַטַאק און גֶעשְׁטָארְבְּן.

הָאט רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער גֶעזָאגְט: דָא טוֹיג נִישְׁט צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס, אַז מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ בִּזָיוֹן, דַארְף מֶען דָאס נִישְׁט נֶעמֶען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּם הַארְץ, בִּיז אַ הַארְץ אַטַאק, פַּארְקֶערְט אַז מֶען אִיז מְבַזֶה אַ מֶענְטְשׁ, אִיז דָאס אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, עֶר קוּמְט אָפּ מִיט דֶעם אַלֶע עֲבֵירוֹת, (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו): וַוייל אֵיין בִּזָיוֹן אִיז מֶער פוּן טוֹיזֶענְט תַּעֲנִיתִים.

און צְוֵוייטְנְס, וִוי קוּמְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אַזַא שְׁלֶעכְטֶע מִדָה פוּן קִנְאָה, אַז עֶס זָאל אִים בְּרֶענְגֶען צוּ גֵיין מְבַזֶה זַיין יֶענֶעם בָּרַבִּים אַזוֹי שְׁטַארְק, דֶעמָאלְט הָאט עֶר מַחְלִיט גֶעוֶוען, מֶען זָאל זִיךְ נֶעמֶען לֶערְנֶען מוּסָר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אַז מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען דֶעם לִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, וָואס אַזוֹי אַרוּם וֶועלְן מִיר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

(קונטרס "דאווענען איז נישט קיין בארג")



# דעם רבינ'ס נסיעה
## קיין ארץ ישראל

### קאפיטל 23

**פארזעצונג פון פריער:**

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, דֶער גָדוֹל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר זָאל אִים אוֹיסְזָאגְן דִי אֱמֶת'עֶ סִיבָּה פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶער אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט נָאר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן, הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְקוּמֶען בְּלוּט פוּן זַיין הַאלְז, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דֶעם גָדוֹל, "יֶעצְט זֶעט אִיר דָאךְ שׁוֹין מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן אַז מְ'אִיז נִישְׁט מַסְכִּים פוּן הִימְל אַז אִיךְ זָאל אַייךְ דָאס אוֹיסְזָאגְן".

...

אִין יֶענֶע צַייט וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען קַיין טְבֶרְיָה, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ שַׁדְכָן מִיט אַ שְׁלִיחוּת פוּן הָרַב הֶחָסִיד הַמְפוּרְסָם, דֶער גְבִיר רֶבִּי מֹשֶׁה זי"ע, דֶער זוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מֶענְדְל מְוִויטֶעבְּסְק זי"ע, צוּ בֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר ווִיל זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִים.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף דֶעם, "וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אָפְּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ? מִסְתָּמָא וִויל אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מַיין טָאכְטֶער זָאל גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", אוּן מֶער הָאט דֶער רֶבִּי גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט.

דֶער שַׁדְכָן אִיז גְלַייךְ צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי מֹשֶׁה מִיטְ'ן עֶנְטְפֶער אַז דֶער רֶבִּי אִיז מַסְכִּים צוּם שִׁידוּךְ, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ צוּגֶעגְרֵייט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ דִי סְעוּדָה אַלֶע גְרוֹיסֶע לַייט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סֵיי דִי פוּן לִיטָא אוּן סֵיי דִי פוּן פוֹלִין, יֶעדֶער פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין אִיז דָארְט אַהִינְגֶעקוּמֶען.

בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט מֶען גֶערֶעדְט דִבְרֵי תּוֹרָה צְוִוישְׁן זִיךְ, אוּן דֶער רֹאשׁ הַמְדַבְּרִים דָארְט אִיז גֶעוֶוען דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער גָדוֹל וָואס הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן עֶר זָאל אִים אוֹיסְזָאגְן פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אַזוֹי אִינְמִיטְן רֶעדְן הָאבְּן זֵיי גֶערֶעדְט אִיבֶּער אַ גֶעוִויסֶע רַשִׁ"י, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְמַאנֶען וואוּ עֶס שְׁטֵייט. זֵיי הָאבְּן זִיךְ שְׁטַארְק גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, וַוייל יֶעדֶער פוּן זֵיי הָאט גֶעהַאלְטְן נִישְׁט לַאנְג נָאכְ'ן מְסַיֵים זַיין שַׁ"ס, אוּן קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְמַאנֶען וואוּ דִי רַשִׁ"י שְׁטֵייט.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעסְן שְׁטִיל, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט, וֶוען עֶר הָאט אָבֶער גֶעזֶען דִי גְרוֹיסֶע צַעַר וָואס זֵיי הָאבְּן פוּן דֶעם אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְמַאנֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן צוּ זָאגְן, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "דִי רַשִׁ"י שְׁטֵייט דָאךְ אִין מַסֶכֶת זְבָחִים, אִין יֶענֶעם גֶעוִויסְן דַף, אוֹיבְן פוּנֶעם עָמוּד".

[טֵייל זָאגְן אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דַף מ"ז עָמוּד א', אָבֶער אַנְדֶערֶע זָאגְן אַז דָאס אִיז דִי רַשִׁ"י פוּן דַף מ"ה עָמוּד א', דִיבּוּר הַמַתְחִיל "הִלְכְתָא לִמְשִׁיחָא", וָואס רַשִׁ"י זָאגְט דָארְט "הֲרֵי קָבַע לָנוּ הֲלָכָה הַצְּרִיכָה לָנוּ לִימוֹת הַמָשִׁיחַ כְּשֶׁיִבָּנֶה בֵּית הַמִקְדָשׁ וְעַכְשָׁו לֹא הֻצְרַכְנוּ לָהּ", אוּן סְ'אִיז מֶער מִסְתַּבֵּר אַז דָאס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דִי רַשִׁ"י].

זֵיי הָאבְּן דָאס טַאקֶע נָאכְגֶעקוּקְט אוּן גֶעפוּנֶען דִי רַשִׁ"י וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

דִי סְעוּדָה הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן פוּן מִנְחָה גְדוֹלָה, בִּיז צוּם אַנְדֶערְן אִינְדֶערְפְרִי. אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוָוארְן דֶער שִׁידוּךְ פוּן רֶבִּי שְׁמוּאֵל, דֶער זוּן פוּן רֶבִּי מֹשֶׁה, מִיט מִרְיָם, דִי טָאכְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.



קבר פון הרה"ק רבי מענדל וויטעבסק זי"ע אין טבריה

אָבֶער שְׁפֶּעטֶער, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעפָארְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ, אִיז דֶער חָתָן רֶבִּי שְׁמוּאֵל נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן מִיט אוּמְגֶעפֶער דְרֵיי יָאר שְׁפֶּעטֶער, אִין יָאר תקס"א, אִיז אוֹיךְ זַיין טַאטֶע רֶבִּי מֹשֶׁה נִפְטָר גֶעוָוארְן.

אִין יָאר תקס"ה הָאט דֶער רֶבִּי מְשַׁדֵךְ גֶעוֶוען דִי טָאכְטֶער מִרְיָם, מִיט הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי לֵייבּוּשׁ מִוָואלְטְשִׁיסְק זי"ע, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט אַז דֶער צַדִיק אִיז גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען זַיין זוּן, דֶער אֵיידֶעם פוּן רֶבִּי'ן, אַז עֶר זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אוּן שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער אוֹיךְ נָאכְגֶעפָארְן אַהִין.

אוּן אַזוֹי אִיז לְמַעֲשֶׂה מְקוּיָם גֶעוָוארְן דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט גֶעזָאגְט אַז וִוי עֶס זֶעט אוֹיס וִויל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז זִי זָאל זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וַוייל יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, הָאט טַאקֶע פַּאסִירְט.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

## שבת קודש משפטים תשפ"ב

געלויבט דער אייבערשטער אז איך האב געהאט די זכי' צו מיטהאלטן א הערליכע סעודה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א שבת קודש פרשת משפטים אינדערפרי אין קרית ברסלב ליבערטי, איך וועל פרובירן אראפשרייבן אפאר שיינע זאכן וואס איך געדענק.

פאר קידוש האט דער ראש ישיבה געשמעקט הדסים און אויך געגעבן פאר די קינדער צו שמעקן. און דערנאך געמאכט קידוש און געוואשן אלע קינדער.

די קליינע בעיבי יחזקאל נ"י האט געוויינט, האט אים דער ראש ישיבה גענומען אויף זיין שויס. דער ראש ישיבה האט אים געוואלט געבן א שטיקל חלה, און ער האט אויסגעשטרעקט זיין לינקע הענט עס צו נעמען, אבער דער ראש ישיבה האט אים עס געגעבן אין זיין רעכטע הענט, אים צו צוגעוואוינען צו איבערנעמען און עסן מיט די רעכטע הענט.

אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה איבערגעזאגט וואס מען האט גערעדט ביים קידוש ווען מען האט פארגעלערנט "סיפורי מעשיות", אז די וועלט איז די גארטן ווי מען יאגט, אבער אויב מען שטייט נעבן דעם צדיק, האט מען א רואיגע און שיינע לעבן.

ווען מען האט געגעסן די אייער האט איינער נישט געוואלט עסן ווייל ער האט עס נישט ליב געהאט, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "שבת עסט מען נישט וואס מען האט ליב, שבת עסט מען די שבת'דיגע עסן".

ווען מען האט געגעסן די טשאלנט האט דער ראש ישיבה דערמאנט די קינדער צו זאגן לכבוד שבת קודש", ווייל יעדע מאל מען זאגט "לכבוד שבת" ווערט באשאפן נאך א מלאך.

דער ראש ישיבה האט געטיילט פאר די קינדער אייסעס לכבוד שבת, און דערנאך האט דער ראש ישיבה געפרעגט זיין ווייב אויב זי וויל, האט זי געזאגט אז עס פעלט נישט אויס. האט דער ראש ישיבה איר געפרעגט, קענסט באשטיין צו עסן אייסעס כדי איך זאל אויך קענען עסן? ווייל איך וויל נאר עסן אייסעס צוזאמען מיט דיר.

דער ראש ישיבה האט געזינגען זמירות, און געגעבן פאר יעדע קינד צו זינגען א שטיקל סאלא, נאכדעם האט דער ראש ישיבה געטאנצן מיט די קינדער ארום די טיש, "אוי ווי גוט צו זיין א איד" אויך האט דער ראש ישיבה געזינגען, "אמאל בין איך געגאנגען אין די לעכטיגע גאסן, האב איך געטראפן א איד, האב איך אים געגעבן שלום עליכם, האט ער געשריגן ס'איז גוט! אוי ווי גוט צו זיין א איד, אוי ווי גוט איז צו זיין א איד". דער ראש ישיבה האט עס געזינגען מיט אזא שמחה, געטאנצן און ארומגעלאפן מיט די קינדער, עס איז געווען אזוי פרייליך און געשמאק!

נאכדעם האט דער ראש ישיבה זיך געמאכט זייער אינטערעסאנט און געלייגט זיין פיאות אויף די אויגן, אראפגעריקט די גלעזער, און זיך געמאכט זייער שרעקעדיג. דער ראש ישיבה האט געזינגען מיט א אינטערעסאנטער קול, "אמאל בין איך געגאנגען אין די טונקעלע גאסן, האב איך געטראפן א גוי, האב איך אים געגעבן א פאטש אין זיין פנים, האט ער געשריגן אוי! אוי ווי שלעכט צו זיין א גוי, אוי ווי שלעכט איז צו זיין א גוי".

אלע קינדער האבן געלאכט און מיטגעזינגען, עס איז געווען אזוי שיין צו זען ווי אינטערעסאנט ראש ישיבה האט געטאנצן מיט די קינדער, געזינגען מיט זיי, און זיך אראפגעלאזט צו זיי, זיי צו מאכן פרייליך.

<<<<

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט: "יעצט גייט מען זינגען די א-ב ניגון".

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז יעדע קינד וועט קענען זינגען איין אות, און דער ראש ישיבה האט זיי ארויסגעהאלפן מיט די ווערטער וואס צו זינגען.

הייליגע באשעפער איך האב **אמונה** אין דיר,

הייליגע באשעפער איך **בענק** זיך צו דיר,

הייליגע באשעפער איך **גלייב** נאר אין דיר,

הייליגע באשעפער איך **דארף** צו דיר,

הייליגע באשעפער איך **האף** נאר צו דיר,

הייליגע באשעפער איך **וויל** נאר דיר!

הייליגע באשעפער איך **זוך** נאר דיר,

הייליגע באשעפער איך **חלש** פאר דיר,

הייליגע באשעפער וואס **טויג** איך אן דיר?

הייליגע באשעפער איך **יאג** זיך צו דיר,

הייליגע באשעפער איך וויל **כבוד** געבן פאר דיר,

הייליגע באשעפער איך וויל **לעבן** מיט דיר!

הייליגע באשעפער איך האב **מורא** פון דיר,

הייליגע באשעפער איך וויל זיין **נאנט** צו דיר,

הייליגע באשעפער איך **סטאר**"ו צו דיר,

הייליגע באשעפער **עפן** מיר די טיר,

הייליגע באשעפער איך **פריי** זיך מיט דיר,

הייליגע באשעפער **צי** מיך צו דיר!

הייליגע באשעפער איך **קוק** נאר צו דיר,

הייליגע באשעפער איך וויל **רעדן** צו דיר,

הייליגע באשעפער איך **שעם** מיך פון דיר,

הייליגע באשעפער איך וויל **שמועסן** מיט דיר,

הייליגע באשעפער איך **שריי** צו דיר,

הייליגע באשעפער איך וויל **תשובה** טון פאר דיר!

נאכדעם האט דער ראש ישיבה אנגעפאנגען צו זינגען נאך א ניגון וואס גייט לויט די א-ב.

"כאטשיג דער רבי איז נישט דא, דעם רבינ'ס **אמונה** איז דאך אבער דא".

"כאטשיג דער רבי איז נישט דא, דעם רבינ'ס **בענקשאפט** איז דאך אבער דא".

"כאטשיג דער רבי איז נישט דא, דעם רבינ'ס **גרויסקייט** איז דאך אבער דא, און אזוי ווייטער".

ביי 'י' האט דער ראש ישיבה געזאגט "כאטשיג דער רבי איז נישט דא, דעם רבינ'ס **ישיבה** איז דאך אבער דא".

ביי 'ש' האט דער ראש ישיבה געזאגט "כאטשיג דער רבי איז נישט דא, דעם רבינ'ס שכל איז דאך אבער דא".

דארף מען דאך זייער פריילך זיין!

ווען מען איז אנגעקומען צו 'ר' האט איינער געזאגט 'דעם רבינ'ס **ראש השנה** איז דאך אבער דא' האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט מיט א שמייכל, 'און דעם רבינ'ס **ראש ישיבה** איז אבער דא!'

ווען מען איז אנגעקומען צו 'ש' האט דער ראש ישיבה געזאגט 'כאטשיג דער רבי איז נישט דא, דעם רבינ'ס **שטעטל** איז דאך אבער דא!!'

נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערופן די גאר קליינע קינדער און געזינגען מיט זיי א ניגון פון אלע זאכן וואס מען טוט שבת. "שבת, שבת, טאטי מאכט קידוש. שבת, שבת, זיצט מען ארום די טיש. ליי ליי ליי, ליי ליי ליי, שבת איז שוין דא. שבת, שבת, מאמי צינדט די לעכט. שבת, שבת, יעדער איז פריילך. שבת, שבת, טאטי טיילט אייסעס. ליי ליי ליי, ליי ליי ליי, שבת איז שוין דא".

אלע קינדער האבן פרובירט צו טראכטן נאך זאכן וואס מען טוט שבת און מען קען עס זינגען אויף די ניגון, ס'איז געווען אזוי פריילך.

ש'כח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען צו מיטהאלטן אזא שיינע סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א, עס איז געווען אזוי רואיג און געשמאק, עס האט זיך ממש געפילט ווי אין גן עדן.

# קלאסיפיידס

KB POWER
ELECTRIC AND PLUMBING
347·666·8029
KBPOWER27@gmail.com
Hotline: 845·351·0910

## KB Shuttle

**Shuttle times pick ups:**

t10:00, 10:45, 11:30, 12:15, 1:00, 1:45, 2:30

The shuttle will come and take you to any local and semi-local address, including Shtetel, school, shop rite, South fallsburg, Monticello and any place on the way
Reserve a pick up by texting or calling 845-720-0847 the day before until 8 pm. If you didn't reserve you can still call the driver and request a pick up if available
Membership available.
Get latest updates by joining our text group.
For more info and for any questions call or text.

## דירות אין שטעטל פאר שבתים

דירות פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט

יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618

יואל וועבערמאן – 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566

MOTTY HEIMLICH
**iSecure Systems**

- Business Phones
- Surveillance
- Networking
- Access Control
- Alarm
- Home Automation
- Intercoms
- Audio

78 Denman Rd.
Liberty, NY 12754
E. motty@isecureny.com
T. 845-681-0280
C. 347-738-1041

Where service and quality is our priority.

## סקוטער גמ"ח

אויב דארפט איר האבן א סקוטער אין פאל וואס איר קענט נישט גיין מיט די פיס חס ושלום.

רופט משפחת לאקס
845-747-9382

## טיש און בענקלעך גמ"ח

אויב דארפט איר האבן טיש און בענקלעך פאר א שמחה און דאס גלייכן.

רופט משפחת פינטער
347-415-2888

# קלאסיפייד'ס

ברסלב
שטיצט
ברסלב

א ברענד נייע
נאכגעמאכטע דאנ"א
קערידש צו פארקויפן פאר
גאר א גוטע פרייז

רופט אייזנער
718-675-6854

איר קענט האבן אייער
אוינינג מיט א 10%
דיסקאונט, רופט אריין די
קומענדיגע צוויי וואכן

רופט שלמה יאקאבאוויטש
718-306-2448

**HURLEYVILLE LEASING**

AUTO SALES & LEASING



- Luxury all inclusive Auto Broker
- Prices reduced below dealer invoiced rates
- Free expedited pickup and delivery nationwide
- Specializing in hard-to-locate cars
- Lowest rate insurance services included
- Most competitive prices with no hidden fees!

845-720-0041 | www.hurleyvilleleasing.com
Sales@hurleyvilleleasing.com

## *Buy & Save* - שטעטל באזאר

"The more you buy
The more the you save"

יעדן מאנטאג ווערט ארויסגעלייגט פרישע
זוממער קליידער
אדרבה קומט און איבערצייגט אייך אליין

## פארקאש טליתים

די 10% דיסקאונט פאר אלע חשובע איינוואוינער
איז געווארן אויסגעצויגן אויך פאר קומענדיגע וואך
"זונטאג פרשת פקודי".
קומט אריבער צו פארקאש טליתים אויף
601 Harris Ferndale NY
פון 12:00 נאכמיטאג ביז 6:00 אויפדערנאכט

## ארבעטס פארמיטלונג

זוכט איר ארבעט, אדער זוכט איר א ארבעטער?
רופט אונז אן און מיר וועלן אייך צושטעלן די בעסטע
ארבעט אדער ארבעטער וואס מעגליך בעזרת השם.

רופט שלמה יאקאבאוויטש
845-637-5367

D&S APPLIANCES

אייער פריינד
דודי לאקס

רופט
718-938-8605

**Personality Jewelry**
**Sold by Breindy Tyrnauer**

Everything to enhance a lady, kallah, and girls appearance for great prices

I also do ear piercing with experience for newborns and all ages

Ready to serve anytime by appointment
347-228-2931

# בילדער
## אפטיילונג





חשובע אינגל פון וויליאמסבורגער חדר לערנט פארנדיג אויפ'ן וועג



חבורת היכל הקודש מודיעין עלית - בראכפעלד
סיום משניות דורך הילד יששכר נתן יעקבסון נ"י





פארגרעסערטע די פארקינג לאט פארנט פון בית המדרש אין שטעטל





דער ראש ישיבה שליט"א ביים לערנען מיט די חתנים פון ישיבה הדרכה פארן נייעם לעבן - ה' כי תשא תשפ"ב

## פורים קטן שפיל אין תלמוד תורה קרית ברסלב ליבערטי



קעניג אחשורוש מיט בגתן ותרש ביי די צוויי זייטן



בגתן ותרש דערלאנגן פיינע טרינקן פארן קעניג



אחשורוש מיט ושתי



בגתן ותרש רעדן שלעכטס אויפן קעניג, מרדכי הצדיק הערט אלעס



המן הרשע רעדט שלעכטס אויף אידן פארן קעניג אחשורוש



מרדכי הצדיק רופט אויס מען זאל בעטן דעם אייבערשטן די גזירה
פון המן הרשע זאל ווערן צושטערט



מען רופט ארויס אז דער קעניג זוכט א נייע כלה



מען קוקט אריין אינעם ספר הזכרונות, מען זעהט געשריבן אז
מרדכי הצדיק האט געראטעוועט דעם קעניג אחשורוש




# ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַ צַדִּיק?

קִינְדֶער, וֶוער וֵוייסְט ווִי אַזוֹי דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִּיק?! וָואס פַּאר אַ גוּטֶע זַאכְן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעטוּן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק?!

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ זֵייעֶר גְרוֹיסֶער צַדִּיק, דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רלז) וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג, יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הָאט גֶעגֶעסְן אַ סְעוּדָה – פְלֶעגְט עֶר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִידִיש אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעסְן; עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט בַּאגְנוּגְט מִיט דִי בְּרָכוֹת פוּן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, עֶר הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִי סְעוּדָה; אוֹיף דִי קִיכְל, אוֹיף דִי רֶעטֶעךְ, אוֹיף דִי זוּפּ אוּן פְלֵייש אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ הָאט עֶר גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.



שְׂכַּח אֵייבֶּערְשְׁטֶער!

טֵייעֶרֶע בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר קִינְדֶער, אַז מִיר וֶועלְן גֵיין אִין רֶבִּינְ'ס וֶועג, מִיר וֶועלְן זִיךְ אַזוֹי פִירְן; מִיר וֶועלְן אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן אִים דַאנְקֶען אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ – וֶועלְן מִיר אוֹיךְ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "שְׂכַּח, שְׂכַּח אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְן אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן, טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר, פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר".

טרעף
די פאלגענדע ווארט

## וויפל מאל קענסטו טרעפן די ווארט

# אדר

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| א | ח | א | ד | ר | ז | ל | מ | א | ש | ע | י | א | ר | ד | א | ש | א | כ | צ | מ | ה | א | ג | ג | מ | י | א | ד | ר | ז | ז | ד | ב | א | א | צ | ד |
| ט | ד | ג | ס | מ | ג | ה | א | ד | ב | ר | ע | ד | א | א | ר | א | ל | ל | פ | ס | ו | ד | ש | ל | כ | מ | כ | ד | כ | ד | א | ד | ה | מ | ד | פ | ק |
| ח | ה | ר | א | ס | ל | ק | א | ר | ד | ר | ש | ר | ט | ד | ד | ר | ד | א | ד | ר | ר | ר | ש | ר | ד | א | א | ד | ר | ר | ג | ד | ש | א | ד | ר | א |
| ש | ר | א | ע | ט | פ | מ | ד | א | ד | ר | י | ר | א | ר | ר | א | ד | ר | ת | א | א | ד | מ | ר | ד | א | ג | ג | ד | א | ד | ר | ר | ל | א | ד | ר |
| ח | כ | ד | א | ד | ר | ב | ר | א | מ | ר | צ | י | ר | א | פ | ז | ד | ר | ז | ד | י | ר | א | ט | ק | ד | ס | א | א | ה | א | ז | א | ד | ר | א | י |
| ו | ר | נ | א | ל | א | ד | ר | א | ס | ל | ר | ר | ר | ל | ד | א | פ | ע | ד | ר | ד | א | ז | א | פ | ר | נ | ד | כ | ד | א | פ | צ | ד | א | א | כ |
| י | ד | ד | י | ש | ט | ת | ת | ד | ח | ר | ה | ד | ד | ר | א | ר | ר | ד | א | א | ט | ה | ע | ר | ד | א | ר | ז | א | ר | ד | י | א | ט | ר | ד | כ |
| א | א | ס | א | ע | א | ר | צ | ר | ד | ה | ת | ה | א | ד | א | ס | ר | א | צ | נ | א | ר | א | ר | ב | ר | ל | א | א | ד | ר | ק | ד | ע | ס | ר | ע |
| ח | ד | ד | ש | ד | ד | ל | א | א | ר | ט | א | נ | ר | ע | צ | ר | ד | פ | ר | א | ד | ד | ד | פ | א | ד | ר | נ | ד | ר | ר | מ | ר | א | א | א | נ |
| מ | ק | ר | ר | א | ו | ד | א | ר | ד | א | ד | ר | ר | ר | ק | ר | א | נ | ע | ד | ר | א | ר | א | א | ה | ש | ר | ר | ד | א | ד | ר | ד | ר | ל | ו |
| א | א | ד | ר | פ | ר | ר | ד | ז | א | א | ד | ר | ד | ר | ב | ר | ל | י | ר | ר | א | ד | ר | ד | מ | ב | ד | צ | ו | ה | ט | א | ח | ר | ר | ר | א |
| נ | ד | ד | ר | ד | ד | א | ר | ד | א | מ | ר | א | ד | מ | א | כ | צ | ר | מ | ד | ר | נ | ר | ר | ד | א | ד | ר | ל | א | ס | מ | י | ה | א | ד | צ |
| ח | א | ר | ד | א | ד | א | ר | ר | פ | א | צ | א | א | ג | ב | ק | ו | ר | ל | פ | א | ד | ל | א | ד | ר | ד | א | ד | ס | ד | ז | א | ד | ר | ד | א |
| ר | כ | ד | א | ע | ד | מ | ר | מ | ד | ר | ד | א | ד | ר | ד | א | ד | ר | א | ד | ר | ת | א | א | ג | א | ז | א | א | פ | י | ר | א | ר | ש | א | ר |
| ר | ד | א | ר | א | ד | ר | ד | א | א | ש | ב | ר | ר | צ | א | מ | ש | ק | א | א | א | ג | ר | ד | א | ו | א | ד | ת | נ | ד | ד | ה | ר | ר | י | ט |
| כ | ט | א | פ | כ | ד | ב | א | ד | ר | א | ר | ק | ר | נ | ת | מ | ט | ד | פ | ד | ד | א | צ | ר | א | א | ד | ר | א | א | א | ר | פ | ד | ר | ד | ר |
| י | ל | ז | ח | א | ב | כ | צ | ד | ב | מ | ד | ד | א | ד | ר | ח | ר | ש | ר | ת | ה | ר | צ | ד | ד | ד | ר | פ | ד | ד | ד | ה | כ | א | ט | ד | א |
| ט | א | ת | ק | א | ד | ר | א | ד | ר | נ | א | ר | א | מ | נ | ב | ב | ס | ת | ו | ו | ר | ר | ר | ס | ר | ע | ר | י | פ | ר | ז | ר | ד | א | ת | א |





**העלף נחמן נתן זיך גרייטן צום יום טוב פורים!**





# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**טו.** מִי שֶׁנּוֹתֵן צְדָקָה, שְׂכָרוֹ שֶׁיִּזְכֶּה לֶאֱמֶת.

**טייטש.** וֶוער עֶס גֶעבְּט צְדָקָה, בַּאקוּמְט דִי שְׂכַר אַז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אֱמֶת.

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | 6 | |
| | | 2 | | 5 | |
| | 1 | 3 | | | 4 |
| | | 6 | | | |
| | | | | | |
| 4 | | | | | 5 |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 8 | | 2 | | 7 | | 3 | |
| 2 | | 7 | | 3 | | 4 | | 6 |
| | 3 | | 6 | 4 | 9 | | 8 | |
| 7 | | 5 | | 8 | | 1 | | 4 |
| | 4 | 6 | 9 | | 1 | 8 | 5 | |
| 8 | | 9 | | 5 | | 7 | | 3 |
| | 5 | | 7 | 9 | 3 | | 4 | |
| 4 | | 3 | | 6 | | 9 | | 5 |
| | 6 | | 5 | | 4 | | 7 | |



# חידות אפטיילונג

**דער הייליגער רבי זאגט: דער עיקר אידישקייט איז**

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. זיך צו פירן פשוט אן קיין חכמות
ב. צו דאווענען דריי מאל א טאג
ג. צו זיין שטענדיג בשמחה
ד. צו געבן צדקה

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: דער הייליגער רבי זאגט דורך קלאטשן און טאנצן

ענטפער: גייט אוועק אלע דינים

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**אליעזר שלמה קרויס נ"י - וויליאמסבורג**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת כי תשא?

## פון ראכטס צו לינקס.

4. געבט זיך איבער צום אייבערשטן, וועט איר זען גרויסע _____
8. דער עיקר זאלסטו זיך פארלייגן אויף משניות און _____
10. מען קען נישט זיין א ברסלב׳ער חסיד נאר אז מען לערנט דעם _____ _____
13. _____ ברענגט צו די העכסטע דרגות
14. מאך זיך א שיעור אין עצתו אמונה, לערן די בריוו אויפ׳ן _____
15. מען דארף נאר מורא האבן פונעם _____

## פון אויבן אראפ.

1. דער רבי לערנט אונז מיר זאלן אכטונג געבן צו גיין אנגעטון ריין און _____
2. ווער עס זאגט דעם _____ _____ דארף גארנישט זארגן
3. די _____ מאכט משוגע, עס דערשרעקט און צעברעכט
5. א גוט ווארט פון א _____ איז שטערקער פון אלעס אויף די וועלט
6. _____ רייניגט די מענטש
7. נעמט די ברסלב׳ער דייעט, הויבט אן ארבעטן אויף _____
9. מלמדים דארפן וויסן אריינצולייגן אין די קינדער _____ אמונה, אמונת חכמים און תפלה
11. אז מען _____ דעם רבי״ן, איז מען זוכה צו ווערן א גרויסע צדיק
12. פאניק אטאקעס קומט פון _____ אמונה
14. שמחה איז _____
15. רעד צו די קינדער דיבורי _____, זינג מיט זיי, ״דער אייבערשטער איז דא״



# טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער

פורים ביי מוהרא"ש זי"ע תשע"ג





בס"ד

# פרייליכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק

אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בלעטל

יעדע וואך

ביי אייער

טיר




פאר בלויז

$3.99

## תוכנ'דיג און ציענדיג

וואס איר וועט נישט טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט אייך אליין

## צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין

אדער שיקט א טעקסט צו:

# 718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 • DESIGN | 845.406.4250

בס"ד

לקראת שבת
לכו ונלכה

# סדר
## השבת

#1







347.
415.
2888

מען וועט נישט קענען דינגען קיין צימער אויפן פלאץ

מאכט דיכער צו האבן אייער איינטריט קארטל ביים אנקומען,

| 14 | 12 | 03 |
|---|---|---|
| DAYS | HOURS | MINUTES |

Fusion Events

282 • DESIGN | 845.406.4250